

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**

**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' בא
תשפ"ג לפ"ק
גליון רנ"ה

## פראגע

## פארוואס איז וויכטיג אויסצולערנען פאר א קינד - גלייך ווען ער הייבט אן רעדן - דעם פסוק "תורה צוה לנו משה"?

## ענטפער:

**עס** איז דא א ספר וואס איז געשריבן געווארן אסאך יארן צוריק דורך אן איטאליענער מאן, ער איז נישט געווען קיין גרויסער תלמיד חכם, אייגנטליך איז ער געווען א משכיל, איך וויל נישט דערמאנען זיין נאמען, אבער ער שרייבט עפעס א וויכטיגע נקודה.

ער זאגט אז מיר דארפן אויסלערנען פאר א קינד תיכף פון אנהייב די **רש"י צוזאמען מיט די חומש**. ער קען נאך ניטאמאל לערנען אינעווייניג, אבער לערן עס אים בעל פה. ווייל איינמאל א קינד ווערט צוגעוואוינט צו די פשוטו של מקרא, אויב דער פשוט'ער פשט אין פסוק גייט צום ערשט אריין אין זיין מח, דאן שפעטער וועט זיין שווער אריינצוברענגען אין זיין מח די השקפות וואס חז"ל ווילן אז מיר זאלן זען אין דער תורה.

וואס מיינט, מיר דארפן זען אנצוקומען **ווי פריער** אינעם מח פונעם קינד, און איינפלאנצן דארט די השקפות וואס מיר ווילן ער זאל האבן. נאך איידער מען דערציילט אים מעשה'לעך אז דזשעק און דזשיל זענען ארויף אויף א בארג צו ברענגען אן עמער מיט וואסער... אדער אנדערע קינדעריש גראמען, דארף די ערשטע זאך זיין **"תורה צוה לנו משה"** – דאס איז די ערשטע זאך וואס א קינד דארף הערן.

דאס קינד עפנט זיינע אויגן, ער קומט ארויס פון די פינסטערניש, ער מורמלט, ער הייבט יעצט אן צו רעדן, די ערשטע זאך איז "תורה"! דאס איז די ערשטע געדאנק. א אידיש קינד דארף וויסן אז עס איז דא "תורה", דאס איז וועגן מיר זענען, מיר זענען א פאלק פון תורה! און **"צוה לנו משה"**, אונזער גרויסער רבי משה האט אונז געגעבן די תורה, **"מורשה"**, ס'איז א ירושה, **"קהלת יעקב"** – פאר די גאנצע פארזאמלונג פון יעקב. דאס איז אונזער ירושה, אונזער רייכטום, דאס איז אונזער מסורה אויף אייביג.

דאס איז וויאזוי צו באקומען די ערשטע באזע אין א קינד'ס מח, און פארלירט נישט קיין צייט. א קינד דארף פון די פריסטע געלעגנהייט אויסגעלערנט ווערן וועגן דעם בורא עולם. פון אנהייב דארפט איר רעדן צו אים וועגן גן עדן און גיהנם, ביידע! מען דארף רעדן וועגן שכר ועונש, און אזוי גייט אריין אין זיין מח גלייך פון אנהייב די אלע יסודות.

ווייל טאמער נישט וועט "מיקי מאוז" אנקומען דארט פריער, אדער נאך ערגערס. איינמאל יענץ גייט אריין איז שוין שווערער נאכדעם אים צו באקענען מיט משה רבינו און הר סיני. און דאס איז א גוטער לימוד אויף פאר אונז.

די גמרא דערציילט (שבת כא:) אז אביי האט געהערט עפעס א הלכה פון רבי ירמיה און ער האט עס נישט געוואלט אננעמען. ער האט געהאט ראיות קעגן דעם און ער האט געהאלטן אז מען קען עס נישט אננעמען. אביי איז געווען א למדן, ער איז נישט געווען קיין יונגער מענטש ווען ער האט עס געהערט און במילא האט ער עס נישט מקבל געווען.

אבער שפעטער ווען ער האט עס געהערט פון א גרעסערן אויטאריטעט האט ער עס אנגענומען. און דאן האט אביי זיך אויסגעדרוקט מיט חרטה, "פארוואס האב איך עס נישט מקבל געווען ווען איך האב עס געהערט צום ערשטן מאל?!" האבן זיי געזאגט צו אים, "אבער דו הערסט עס יעצט, פארוואס ביזטו אזוי באזארגט?"

האט ער געזאגט **"נפקא מינה לגירסא דינקותא"** – עס מאכט א חילוק ווען מען לערנט עפעס ווען מ'איז יונג. א יונגער מענטש דארף נישט מיינען יונג, ער איז נישט געווען יונג דאס ערשטע מאל אויך נישט. אויב האט ער געקענט אפווארפן רבי ירמיהו'ס מימרא האט ער נישט געקענט זיין קיין בחור'ל, ער איז שוין געווען אן ערוואקסענער תלמיד

חכם. אבער אפילו אן ערוואקסענער מענטש, איז עס נאך אלץ א חילוק אויב מען הערט עפעס ביי די פערציג אדער ביי די פופציג.

ווי יונגער מען איז איז מען נאך מער בייגעדיג. ווי שנעלער מען קען אריינלייגן גוטע השקפות אין קאפ איז בעסער. ווארט נישט צו ווערן עלטער. אין די עלטערע יארן ווערן די ביינער פארשטייפט, און אויך די מח ווערט פארשטייפט און עס איז שוין נישט אזוי גרינג פאר א מענטש אריינצונעמען נייע געדאנקען.

אודאי איז גוט צו לערנען אפילו אין די לעצטע מינוטן, און אפילו דעמאלטס זאל מען אריינעמען גוטע השקפות. לאמיר זאגן א אידישער אפיקורוס ר"ל וואס האלט אין די לעצטע מינוטן בעפאר'ן שטארבן. ער טראכט, "ווער ווייסט?! אפשר איז יא דא א גיהנם, איך וועל זיין אויף די זיכערע זייט און זאגן שמע ישראל בעפאר איך גיי אויס." דאס איז א קלוגער מענטש. וואס קען ער פארלירן?!

עס איז די נארישסטע זאך צו נעמען אזא ריזיקע. דער כופר טראכט, אויב איז נישט דא קיין עולם הבא (עפ"ל), וואס וועל איך דערליגן פון זאגן שמע ישראל?! אבער אויב איז יא דא אן עולם הבא, קען איך ריזיקירן נישט צו זאגן שמע ישראל?! עס איז פשוט שכל הישר. במילא איז ער א 'קלוגער' אפיקורוס און ער באשליסט אין זיינע לעצטע מינוטן צו זאגן "שמע ישראל".

ער זאגט פאר זיין געהילף אז ער זאל אים עס העלפן זאגן. וואס מיינט עס? עס מיינט "שמע ישראל" – הער אויס איד, דער באשעפער איז אונזער ג-ט, דער באשעפער איז איינציג. ער נעמט זיין אלטן מח, ער שטארבט יעצט און ער ליידט די יסורים פון טויט, און ער טראכט אז דער באשעפער איז איינציג. און דאן שטארבט ער.

סיי-וויפיל עס קען שוין אריינגיין דעמאלטס אין זיין מח איז אויך עפעס, ס'איז א געוואלדיגע דערגרייכונג. אויף יענער וועלט וועט ער זען ווי א גוט מזל ער האט געהאט אז ער האט עס געטון. עס מוז זיין א זכות פון זיין עלטער זיידע וועלכער האט אמאל אריינגעווארפן א מטבע אין די פושקע, אדער עפעס אנדערש וואס זיין עלטער-זיידע האט געטון אז ער האט זוכה געווען עס צו זאגן בעפאר'ן שטארבן. אבער לאמיר זאגן ער וואלט עס ווען געזאגט **פינף מינוט** בעפאר'ן שטארבן, וואלט עס געווען סך א גרעסערע זאך.

אלזא, ווי לענגער די ריכטיגע השקפות נעסטעט אין אונזערע מחשבות אלס בעסער שטייען מיר. און דעריבער איז עס א "נפקא מינה לגירסא דינקותא" – עס מאכט א גרויסער חילוק. ווי יונגער איר זענט, זאלט איר אריינכאפן די אלע גוטע השקפות.

**פראגע**

## וויאזוי קען א נייע חתונה-געהאטע פארפאלק אנהאלטן זייער שמחה וואס זיי האבן אנהייב געהאט?

**ענטפער:**

**מען** דארף זיין רעאליסטיש. איר מוזט וויסן אז נאך א ווייל וועט דער אמת ווערן מער קלאר. די איבערגענומענקייט וואס איז קודם געווען איז נישט געווען אמת, און שפעטער קומט ארויס דער אמת.

וואס איז די אמת'ע צוגאנג צום חתונה-געהאטע לעבן? **געטרייישאפט!** איר זענט געטריי איינער צום צווייטן. איר האט געמאכט א ברית, **א בונד**, און דער איבערשטער איז געווען אנוועזנד ווען דער ברית איז געמאכט געווארן. דאס איז וויכטיגער ווי אלע אנדערע זאכן.

און דערפאר, די איבערגענומענקייט וועט אוועקגיין אבער געטרייישאפט איז אויף אייביג! און אט די לאיאליטעט איז זייער טייער. סתם צו זיין אין די וואלקענס קענען אפילו גוים להבדיל טון. די וויכטיגסטע זאך איז צו וויסן אז איר זענט אין א ברית אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

אזוי ווי אברהם אבינו און שרה זענען באערדיגט אינאיינעם אינעם מערת המכפלה, זענען זיי אויך אינאיינעם אין עולם הבא אויף אייביגע אייביגקייטן. און דאס איז דער שפיץ פון חתונה האבן – צו זיין לאיאל.

יעצט אודאי איז אויך דער ציל צו האבן קינדער, אבער דאס איז אן אנדערע זאך, דאס איז איינס פון די עררייכונגען פון חתונה האבן. אבער דאס עצם חתונה האבן מיינט אז פון יעצט אן זענען מיר איינס אויף אייביג!

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.

SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973



בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עונג שבת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
נאר אידיש
עונג שבת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
לה"ק אידיש
$4.00
מרגניתין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
$1
א וואך
מועדים $3
ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב